# יצחק־לייבוש פּרץ

(18טן מײַ 1852 – דריטן אַפּריל 1915)

**וויגליד**

שטייט אין פעלד אַ ביימעלע,
האָט עס גרינע צווייגעלעך,
זיצט דערויף אַ פייגעלע,
מאַכט עס צו די אייגעלעך.

אויף די גרינע צווייגעלעך
וואַקסט אַ גאָלדן עפּעלע,
מאַך צו, מיין קינד, די אייגעלעך,
אַ ברכה אויף דיין קעפּעלע!

אויף די גרינע צווייגעלעך
שלאָפן שוין די פייגעלעך
די מאַמע זינגט זיי: אַ! - אַ! - אַ!
ס´איז אַ שטילע נאַכט: אַ! - אַ!

## קעצעלע, שטיל!

קעצעלע, שטיל! מייזעלע, שטיל!
מיין אוצרל שוין שלאָפֿן וויל.

קעלבעלע, קעלבעלע, נישט געמעק´ט
און מיין אוצרל נישט געוועקט!

ווייע נישט דו, ווינטעלע,
שטילער, שטילער, הינטעלע,

אין מויל פֿאַרבייס דאָס צינגעלע,
שלאפֿז וויל מיין יינגעלע.

## אַ גוטע נאַכט!

צוגעדעקט די פיסעלעך –
איך ברענג דיר מאָרגן ניסעלעך
פרישע ניסעלעך פון וואַלד,
זאָלסט מיין קינד נאָר שלאָפן באַלד.

דרימלט איין מיין קינדעלע פעסט,
קומען באַלד די ליבע געסט:
קומען, קומען אָן צו פלויגן,
מלאכימלעך מיט זיסע אויגן.

די פייגעלעך פון לויטער גאָלד,
זיי האָבן שטילע קינדער האָלד,
און זיי קומען צו באַהיטן,
צו באַהיטן און באַשיצן

מיט חלומות שטילע, שיינע,
ווי עס פּאַסט פאַר קינדער קליינע.
מאַך נאָר צו די אייגעלעך!
זיי פליען אָן, ווי פייגעלעך.

הערסט, מיין קינד, הערסט, מיין קרוין,
די פליגעלעך זיי רוישן שוין!
זיי פליען אָן, ווי פייגעלעך,
מאַך נאָר צו די אייגעלעך,

שטיל, די אייגעלעך פאַרמאַכט,
האָב אַ גוטע, זיסע נאַכט!

**דער פויגל**

אויף אַ בוים אין גרינעם וואַלד
אַ וואונדערלעכער פויגל שאַלט:
טראַ-לאַ-לאַ, טראַ-לאַ-לאַ!

איז אַ ייִנגל צוגעלאָפן,
און דער פויגל איז אַנטלאָפן:
טראַ-לאַ-לאַ, טראַ-לאַ-לאַ!

- וואָס אַנטלויפסטו? – ס׳ייִנגל שרייט –
נישט געוואָלט דיר טאָן קיין לייד:
טראַ-לאַ-לאַ, טראַ-לאַ-לאַ!

כ׳בעט דיך, פויגל, פויגל, בלייב!
און דער פויגל: איך נישט גלויב:
טראַ-לאַ-לאַ, טראַ-לאַ-לאַ!

אויף אַ בוים אין גרינעם וואַלד
אַ וואונדערלעכע פויגל שאַלט:
טראַ-לאַ-לאַ, טראַ-לאַ-לאַ!